# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:43
מוצאי שב"ק......................9:15

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ שמואל ב כג-כד
בבלי.................... בבא מציעא עג
ירושלמי.................. עירובין נח
תוספתא.................. סנהדרין ו
רמב"ם.................... תרומות י

פרשת קדושים, ג' אייר, אבות פרק ב' שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 31 (649)


## אַ װָארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'. װָאס אִיז דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי צְװֵיי זַאכְן אִין אֵיין פָּסוּק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט) אַז װֶען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט און עֶר װִיל אַז מְ'זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, זַיינֶע רֵייד זָאלְן װֶערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר זֶען סְ'זָאל זַיין גוּטְס אִין דִי װֶערְטֶער, עֶר זָאל רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, דַאן װֶעט מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן און אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ װֶען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן װִי מְ'רַייסְט אִים אַרָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט און עֶר קֶען נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע װֶערְטֶער, אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק װָאס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ יֶעצְט אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט און װאוֹיל, אַז עֶר קֶען נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, און זֵיי דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן אֵיינֶעם װָאס זָאל צוּגִיסְן נָאךְ זַאלְץ צוּ זַיינֶע װאוּנְדְן, אִים זָאגְן מוּסָר און אִים נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן. דָאס רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי און דָאס װֶעט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע װֶעג אִיז מְחַזֵק צוּ זַיין יֶענֶעם, "קֶענְסְט נָאךְ יָא מַצְלִיחַ זַיין, הָאסְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִיר", דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ לִיבּ צוּ הֶערְן, און דָאס בְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל װֶערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם װָאס עֶר הָאט גֶעהַאט, (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צ"א) װִי אַזוֹי סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע װֶעלְט און אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְהַאלְטְן, "הֲיִתָּכֵן אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי און אַזוֹי?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיר טְרֵייסְטְן און מְחַזֵק זַיין, אָבֶּער אַז אִיר קוּמְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן, גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!" [זֶע אִינֶעװֵיינִיג דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת].

װִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי װֶערְטֶער זָאלְן זַיין נָאר גוּט און גֶעשְׁמַאק, און װֶערְן אָנְגֶענוּמֶען? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז דָאס אִיז װֶען מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין "דַעַת", מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן װָאס װוּארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק װִי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, און אוֹיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, װָאס הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד, זֵיי װַייזְן פַאר יֶעדְן אַז סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג צוּ סוּקְסֶעס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ װָאס אַ אִיד טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין רְכִילוּת, דָאס אִיז דָאךְ דִי פַאַרְקֶערְטֶע פוּן רֶעדְן גוּטְס, װֶען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טְרָאגְן און בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶעם צוּם צְװֵייטְן. נָאר פַאַרְקֶערְט, זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע און שֵׁיינֶע װֶערְטֶער װָאס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און דוּרְךְ דֶעם װֶעט זַיין לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ, אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (וַיִקְרָא ד:) װֶערְט דֶער מֹחַ אָנְגֶערוּפְן "תְּרֵין רֵעִין דְלָא מִתְפָּרְשִׁין", דוּ װֶעסְט מַאכְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט צֶעדְרוּקְט װֶערְן פוּן צוּפִיל בְּלוּט, װָאס דָאס פַּאסִירְט װֶען מְ'זוּכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, רֶעדְן נָאר שֵׁיין און גוּט צוּ יֶעדְן אִיד, מִיט דֶעם װֶעלְן מִיר זֵיי שְׁטַארְקְן און מְחַזֵק זַיין, און יֶעדֶער װֶעט װֶערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשס"ד)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעװֶען אַ מֶענְטְשׁ װָאס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, װַייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, װַייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה לְרַבִּי חַיִים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעװֶען אַ מֶענְטְשׁ װָאס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, װֶען חֲסִידִים הָאבְּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד װֶערְט

דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד װֶערְט נָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי װֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְמְשַׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר", און דֶער מַהֲרַ"ל מִפְּרָאג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חִידוּשֵׁי אַגָּדוֹת, שָׁם) אַזוֹי אוֹיךְ דֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (פֶּתַח עֵינַיִם, שָׁם) אַז דוּרְךְ זָאגְן דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה װֶערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה שְׁפֶּעטֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע װֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה װֶערְט מֶען רֵיין און לוֹיטֶער, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין אֶלֹקוּת און צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; הוֹיבּ אָן מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י און נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת און אִין גְמָרָא, אִין אָנְהוֹיבּ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי װֶערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

פָאלְג דֶעם רֶבִּיין, לֵייג אַװֶעק אַלֶע חָכְמוֹת, לֵייג אַװֶעק אַלֶע לֵיצָנוּת, אָבֶּער מִיטְן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד קוּמְט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען סַיי שְׁנֶעל און סַיי בְּעִיוּן און מֶען גֵייט אַװֶעק פוּן דִי װֶעלְט אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶעס גוּטְס. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי פ"ד)

# קוּק נִישְׁט

דֶער אוֹיג אִיז פוּן דִי הַאקְלְסְטֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁטוֹיבּ אָדֶער שְׁמוּץ וָואס זָאל זִיךְ דָארְט אַרַיינְכַאפְּן, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶס אָנְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. דָאס אִיז מִיט דִי גַשְׁמִיּוּת פוּנֶעם אוֹיג, אָבֶּער דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ אַז דִי זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ פִּיל מֶער - אִיז דֶער אוֹיג זַייעֶר הַאקְל בְּרוּחֲנִיּוּת; בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיינֶע רְאִיָּה אֲסוּרָה, בְּלוֹיז אֵיין קוּק אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, קֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶועֶרֶע וֵוייטָאגְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט ווּאוֹינֶען דָא אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט אַז דִי עִיקָר הַנָּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶעבְּן אִין אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וואוּ אוֹיבְּן אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען דָא אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַוְקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאלְן דִי מֶענְטְשְׁן זֶען אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה אַרַיין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס גֶעפִוּנְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער וֶועלְטְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר גְלוּסְט צוּ זֶען וִוי דִי נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיסֶער אִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִים אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ זֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, סֵיי אוֹיפְ'ן גַאס זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוּן, מַמָּשׁ וִוי דִי חַיּוֹת. וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אָן מִיט גָאר פְּרִיצוּת'דִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְרוֹיעֶן. אוּן סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ דִי נֵייעֶ טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים, אַז מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס, נָאר סֵיי וואוּ אִימֶער קֶען מֶען לַיידֶער זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ, דִי נִידְרִיגְסְטֶע סָארְט בִּילְדֶער אוּן וִוידִיאָס, אוּן דֶער עִיקָר צִיל וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוּן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק.

## מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶּה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

<<<<<<

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!". אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּילֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען ווִיל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ לֵיין דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דֶעם פַאקְט אַז יֶעדֶער קֶען פְרֶעגְן סֵיי וָואס עֶר ווִיל, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט אַלְץ מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועְנְלִיכֶער חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶערְמַאן, אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חַתוּנָה גֶעהַאט אוּן מִיר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה. מִיר הָאבְּן נָאר כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן, אָן טֶעקְסְט, אוּן אַלֶעס גֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ אָבֶער, עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אַ כָּשֶׁרְ'עֶ קִיאַסְק, אִיךְ הָאבּ גֶענוּצְט דָארְט אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אָבֶער אוֹיף עֶפֶּעס אָן אוֹפָן זֶענֶען דָארְט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גָאר שְׁטַארְק פַאלְן אִין קְדוּשָׁה. פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וֶועל אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן דָא אוּן דָארְט נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ דֶעוַוייסֶעס, אוּן קוּקְן דֶערוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ וֵוייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי גֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ, אָן קַיין וֶועג אַרוֹיס. אִיךְ בְּרֶעךְ אוּנְטֶער פוּן דִי שְׁוֶוערֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדֶעס מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ קוּק וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הֶעלְפְן.

אִיךְ לֶערְן סְפָרִים אוּן אִיךְ הֶער שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט. אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶער וִוי אַזוֹי בַּאוַוייזְט מֶען דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעְן? וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? וֶועגְן אַבִּיסְל דִמְיוֹן ווִילְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן?! וָואס אִיז שׁוֹין דָא צוּ זֶען אוֹיף דִי מָאוִויס? נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ אוּן נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ, נָאכְאַמָאל נִיאוּף אוּן נָאכְאַמָאל נִיאוּף; פַאר דִי דִמְיוֹן בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אִיבֶּערְלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען.

BreslevCenter.com\answers

בִּכְלַל אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, וֶוער קוּקְט מָאוִויס? נָאר אַ חָסֵר דֵעָה, וַוייל וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מָאוִויס? דִמְיוֹן אוּן פַאנְטַאזִיעֶס, דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט דִי לוֹיפְן צוּ דֶעם.

קוּקְן נִיאוּף אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט; וְוִיפִיל מֶען אַרְבֶּעט, וְוִיפִיל מֶען מֵיינְט אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין אַפָּאר דָאלֶער – פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כג, ג): "וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד הוֹן", דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, דִי אַלֶע וָואס קוּקְן נִיאוּף הָאבְּן נִישְׁט בַּיים סוֹף אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט. אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם ו, כו): "כִּי בְעַד אִשָּׁה זוֹנָה", וֶועגְן טוּן עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף "עַד כִּכַּר לָחֶם", קוּמְט מֶען צוּ בֶּעטְלֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

גֶעוַואלְד, רַאטֶעוֶוע זִיךְ, וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן דוּרְךְ קוּקְן נִיאוּף, וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): "מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִווּגוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִווּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט פַארְלִירְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ? וָואס קוּק אִיךְ? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ בַּאהַאלְט זִיךְ פוּן דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֶען מֶען זִיךְ דֶען בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר? 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים', קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? 'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט זֶען?

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס, אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר דִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קוּק, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מִינֵי פְּגָמִים, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה."

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי פ"ד)

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# התודה והברכה

א הארציגן דאנק לידידנו היקרים

מוה"ר **לוי יצחק זאפיר** שליט"א – און מוה"ר **אפרים פעלדמאן** שליט"א

פארן מנדב זיין

## פרנס החודש – חודש ניסן

און דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין דער לימוד התורה פון די לומדי הכולל

בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# גאר סוקסעספולע קמחא דפסחא חלוקות דורך די הילף פון די עסקנים פון רבי ישעי'לעס קאך פון וויליאמסבורג

שטייענדיג יעצט איניגע טעג נאך דעם געהויבענעם זיסן יום טוב פסח, ווען מיר האבן אויסגענוצט די הייליגע טעג זיך אנציפולן מיט אמונה אויף א גאנץ יאר, איז די פאסיגע צייט ארויסצוהייבן די געוואלדיגע פעולות פון די געטרייע עסקנים פונעם וואויל באקאנטן ארגאניזאציע "רבי ישעי'לעס קאך פון וויליאמסבורג" וואס געבן זיך אוועק מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט, און מיט גרויס סעייתא דשמיא שטייען זיי צו הילף פאר הונדערטער משפחות אין פילע היימישע געגענטער, און טוען כל מה שביכלתם מיט מסירת נפש אז אידישע קינדער זאלן האבן אויף פסח, און א גאנץ יאר לשובע ולא לרזון, פאר די גאנצע משפחה.

אזוי אויך שטייען זיי צוהילף פאר אונזער הייליגע קהלה היכל הקודש במשך דעם גאנצן יאר, ווען די געטרייע עסקנים יום ולילה לא ישבותו, און העלפן דעם בית התבשיל היכל הקודש מיט'ן געטרייען גבאי הר"ר שלמה יאקאבאוויטש, ער זאל קענען ברענגען פילע גאר רייכע חלוקות מכל טוב וטוב.

בפרט יעצט פאר דעם יום טוב פסח, האבן די עסקנים הר"ר שמעון ישראל פאזען שליט"א, הר"ר יואל בראך שליט"א, הר"ר חיים יודל שווארטץ שליט"א פון רבי ישעיה'לעס קאך פון וויליאמסבורג, צוזאמען געארבעט מיט בית התבשיל היכל הקודש מען זאל קענען ברענגען גאר ברייטע און ווערטפולע חלוקות מיט א ברייטע האנט לכל דכפין. מען האט צוגעשטעלט מיט הרחבה ריזיגע חלוקות פון פרישע פיש, פלייש, פרוכט, גרינצייג, גרעיפ דזשוס און וואס נישט, מיט וואס פילע פון אנשי שלומינו האבן מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף געקענט אריינברענגען דעם יום טוב מיט א פרייליך הארץ.

מען רעדט פון חלוקות אין ווערט פון שווערע צענדליגע טויזנעטער דאלער, וואס די עסקנים מיט זייער גוט הארץ האבן נישט געזשאלעוועט קיין צייט, טירחה און כחות, נאר כדי צו העלפן אידישע קינדער, און גיין אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים וואס האבן אונז געלערנט די גרויסע נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט ווען אידישע קינדער טוען חסד איינע מיטן צווייטן.

יעצט ווען מען שטייט אין די וואך פון די יארצייט פונעם גרויסן צדיק נאך וועם דער הייליגער ארגאניזאציע הייסט, זאל דער אויבערשטער העלפן אז די זכות פון דעם הייליגן צדיק רבי ישעי' בן רבי משה פון קערעסטיר זאל מגין זיין פאר אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט די אלע הייליגע פעולות, און בפרט פאר די אויבנדערמאנטע עסקנים וואס זענען געשטאנען בראש, אז עס זאל זיי קיינמאל גארנישט פעלן, אך טוב וחסד ירדפיהם כל ימי חייהם, זיי זאלן זוכה זיין צו דעם ושבתי בבית ה' לאורך ימים.

מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >